בס"ד | פרשת ואתחנן - נחמו, שנת תשפ"ה לפ"ק | גליון #269 | פרייז $5.99

U.S. - Canada
Price: $5.99

# אנ"ש

• חסידי סקווירא ברחבי תבל •


BLUE DESK
קיוביקל אפיסעס
BLUEDESK CUBICLES
845.600.BLUE (2583)
Email: office@bluedesk.pro




מעמד

# איש מצליח

התייסדות 'קרן מצהלות'
שע"י מפעל מאמר מרדכי בארה"ק

# אינהאלט:


4 בצל הקודש

28 בילדער'לעך

30 מימי קדם

32 דער געשפרעך פון וואך

34 זכרון להולכים

35 אנ"ש 'עקזיביטערס' פלאטפארמע! ניע קאלום

40 קלאסיפייד

43 שמחות אנ"ש



בעזרת השם יתברך

## מערכת אנ"ש

9 Jefferson Ave
New Square
NY 10977

צו ארייגשיקן נייעס/בילדער, ביטע פארבינדט אייך מיטן מערכת

P: 845.362.1525 #103
E: anash@mayunes.org

### צו אדווערטייזן:

רופט מו"ה אלי' חיים איצקאוויטש הי"ו

P: 845.323.2722
E: AdsAnash@gmail.com

אנ"ש
• חסידי סקווירא ברחבי תבל •



ברכת מזל טוב חמה ולבבית
לידידנו הדגול

הרב שלמה סיגל הי"ו

מטובי עסקני בית המעיינות זה רבות השים
לרגל השמחה בהיותו 'זיידע' למזל טוב
בלידת בת לחתנו ר' נפתלי פרידער הי"ו

יזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח מתוך
הרחבת הדעת ומנוחה ושמחה וכל טוב סלה.

ווי עס וואונטש ברגשי
ידידות ושמחה:
הנהלת המערכת

בית המעיינות



ברכת מזל טוב חמה ולבבית
לידידנו הדגול

בנש"ק פרע"ח
הרב יצחק טווערסקי שליט"א

משגיח רוחני בישי"ק במאנטיסעלאו

מראשי מערכת 'אורות' רבות בשנים
לרגל לידת בנו למזל טוב

יזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח מתוך
הרחבת הדעת ומנוחה ושמחה וכל טוב סלה.

ווי עס וואונטש ברגשי
ידידות ושמחה:
הנהלת המערכת
בשם די טויזנטע לייגער

אורות


NOW
THERE'S
A WAY
DOCUMENT-FREE LOANS NOW UP TO
$1 MILLION—EXCLUSIVELY AT EVEREST.
Get a mortgage on any investment or business property—without a sea of paperwork. From congregations to vacant buildings to raw land, we make it happen. We've already closed more than $7 billion in "impossible" loans. **Yours can be next.**
EVEREST
EQUITY
COMMERCIAL AND RESIDENTIAL MORTGAGES
שלמה זלמן ברייער
FOR MORE INFORMATION OR TO GET STARTED ON YOUR MORTGAGE APPLICATION,
CALL 845-587-3420 OR EMAIL SHMUEL@EVERESTEQUITY.COM
WWW.EVERESTEQUITY.COM
The Everest Equity Company, Inc. 2 Executive Blvd, Suite 201, Suffern, NY 10901. Registered Mortgage Broker New York State Department of Financial Services. Mortgage Broker Licensed by the New Jersey Department of Banking and Insurance. Licensed Mortgage Broker CT, PA, FL, TX and NC Banking Departments. We do not make any mortgage loan commitments or fund any mortgage loans. MORTGAGE BROKER ONLY, NOT A MORTGAGE LENDER OR MORTGAGE CORRESPONDENT LENDER. Loans are arranged through third party providers. NMLS ID 2613919
EQUAL HOUSING OPPORTUNITY
KIRUMSTUDIO.COM

# בצל הקודש

## מיטוואך פרשת דברים, ה׳ אב:

נאכן דאווענען איז פארגעקומען די **ברית׳ן** פאר בן הנולד ביי ר׳ משה ניישטאדט הי״ו, בן הנולד ביי ר׳ יעקב בר״א לונגער הי״ו, און פאר בן הנולד ביי ר׳ יוחנן פינחס ברמ״ד בייער הי״ו.

ביים **פראווענען** זענען אריין **אל הקודש פנימה** די הונדערטע תלמידים פון **׳קעמפ שערים׳** לעדת המזרח. דער רבי שליט״א האט זיי געגעבן א קורצע שמועס מעניני דיומא, און דערנאך זענען די תלמידים אריבער און דער רבי האט געוואונטשן **ברכת קדשו** פאר יעדער תלמיד באזונדער.

נאכן אהיימגיין **לביתו נאוה קודש** זענען אריין **אל הקודש פנימה** די עסקנים און הנהלה פון **׳רפואה העלט סענטער׳** ובראשם **הרה״ג ר׳ יצחק שטערנבערג שליט״א רב דקהל פארק עוועניא** אין **מאנסי**, און בנו **הרה״ג ר׳ אלכסנדר שטערנבערג שליט״א דומ״ץ דקהלתינו** אין **וועסלי היללס**, צוזאמען מיטן **הגה״צ ר׳ יוסף ישראל אייזנבערגער שליט״א דומ״ץ קהלתינו** און **הרה״ג ר׳ חיים אהרן אונגאר שליט״א דומ״ץ סאטמאר** אין **סאוט-8** און **רב מכון שער הלכה ורפואה** שע״י ארגון **׳עי טיים׳**. זיי האבן איבערגעגעבן פארן רבי׳ן שליט״א די פרטים און פארשריט ביי די נייע אפטיילונגען אין ׳רפואה העלט סענטער׳ וואס שטייט בפיקחו פונעם דיין שליט״א איינעם מיט די משגיחי ׳עי טיים׳, און צום סוף האט דער רבי שליט״א געוואונטשן **ברכת קדשו.**

נאך **מנחה** האט דער רבי שליט״א **מנחם אבל** געווען הרה״ח ר׳ שרגא פייוול האפמאן הי״ו (וויליאמסבורג) - בעל אכסניה פון כ״ק מרן רבינו שליט״א אין וויליאמסבורג, און זיינע קינדער און אייניקלעך, וואס זיצן שבעה ל״ע אין די טעג נאך הרה״ח ר׳ משה שמעון האפמאן ע״ה, וועלכער איז נפטר געווארן נאכן נישט זיין געזונט די לעצטערע יארן.

ביינאכט ביי **קבלת קהל** זענען אריין **אל הקודש פנימה** די **חברי הוועד** וואס זענען נתמנה געווארן אוועקצושטעלן די **מוסדות** אינעם נייעם שטעטל **קרית סקווירא**, די חברי הוועד זענען: ר׳ יונה בר״מ ברילובסקי הי״ו, ר׳ גרשון פעלבערבוים הי״ו, ר׳ חנני׳ דוב שפיטצער הי״ו (מאנסי), און ר׳ יוסף סמיט הי״ו (בארא פארק). דער רבי האט ארומגעשמועסט מיט די חברי הוועד די פרטים, און דערנאך אנגעוואונטשן **ברכת קדשו** ובתוך דבריו ארויסגעברענגט די גרויסע זכות פון העלפן אוועקשטעלן די מוסדות הקדושים וואס זענען **די נשמה פונעם שטעטל.**

## דאנערשטאג פרשת דברים, ו׳ אב:

**ביים ליינען האבן עולה געווען:** ר׳ נפתלי ווייל הי״ו, ר׳ ישראל בר״ש גרין הי״ו, און דער רבי שליט״א. **גלילה:** ר׳ אברהם צימענד הי״ו.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען די **ברית** פאר בן הנולד ביי ר׳ ישראל בר״ש גרין הי״ו.

## פרייטאג פרשת דברים, ז׳ אב:

נאכן דאווענען איז פארגעקומען די **פדיון הבן** פאר בן ר׳ אהרן ישי בר״י שפיטצער הי״ו (מאנסי).

## שבת קודש פרשת דברים - חזון, ח׳ אב:

**תפילת ליל שב״ק**

**תפילת מנחה** האט מען זיך געשטעלט 8:55. די **שליחי ציבור** זענען געווען: **תפילת מנחה:** ר׳ שמעון ישראל בר״ג ברמ״ג שפיטצער הי״ו. **קבלת שבת:** ר׳ שלמה פריעזעל הי״ו. נאכן דאווענען איז דער גאנצער עולם אריבער וואונטשן **׳א גוט שבת׳.**

**עריכת שולחן הטהור ליל שב״ק**

דער רבי שליט״א איז אריינגעקומען צום **טיש** 12:40. מיט די כיבודים ביים טיש זענען מכובד געווארן: **הגבהת הכוס צו קידוש:** הרה״צ רבי אהרן מענדיל שליט״א. **מנוחה ושמחה:** הגה״צ דומ״ץ דקהלתינו שליט״א. **קה ריבון עלם:** הרה״ג ר׳ וועלוול דיין שליט״א. **צור משלו:** הרה״ג ר׳ יצחק שמעון וואזנער שליט״א דומ״ץ וויליאמסבורג. **קה אכסוף:** הרה״ג ר׳ ישכר דוב איינהארן שליט״א דומ״ץ בארא פארק - 12. **ברכת המזון:** הרב ר׳ דוד גראס שליט״א (בני ברק). **ניגון ריקוד:** הרה״ג ר׳ שמואל יוסף פריעזעל שליט״א דומ״ץ בארא פארק - 14.

דער רבי שליט״א האט **געטיילט עפל** פאר 13 בעלי שמחה, אויך פאר די בעלי שמחה פון פרשת בלק. בשעת׳ן עפל טיילן זענען מכובד געווארן מיט **ניגונים:** הרב ר׳ ירמי׳ גאלדמאן שליט״א (מאנסי), און הרב ר׳ יששכר פיש שליט״א (קאשוי). פארן תורות זאגן האט

מען געזונגען 'מקדש מלך עיר מלוכה'. **פתיחת הדב"ק:** הגה"צ דומ"ץ דקהלתינו שליט"א. נאך תורות איז מען אריבער וואונטשן **לחיים.** בשעת לחיים האט מען **געזונגען:** 'רחם בחסדך', און 'והיה באחרית הימים'.

**תפילת יום שב"ק**

תפילת שחרית האט מען זיך געשטעלט 11:00. די **שליחי ציבור** זענען געווען: **ברכות ופסוקי דזמרה:** ר' ברוך פרידמאן הי"ו. **שחרית:** ר' חיים ברוין הי"ו. **ביים ליינען האבן עולה געווען: כהן:** ר' חיים גדלי' כהן הי"ו, **לוי:** הרה"ג ר' יצחק שמעון וואזנער שליט"א דומ"ץ וויליאמסבורג, **שלישי:** הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א, **רביעי:** הרב ר' דוד גראס שליט"א (בני ברק), **חמישי:** הרה"ג ר' שמואל יוסף פריעזעל שליט"א דומ"ץ בארא פארק - 14, **ששי:** כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, **שביעי:** ר' ברוך אליעזר ברמ"ד בייער הי"ו (מבצע זכאין), **אחרון:** החתן ברוך שמעון ב"ר יושע זאבנער הי"ו (לאנדאן - חתונה אין די קומענדיגע וואכן). **מפטיר:** הרה"ג ר' ישכר דוב איינהארן שליט"א דומ"ץ בארא פארק - 12. **גלילה:** ר' שלום יוסף גוטווין הי"ו (וויליאמסבורג). מיט **מוסף** האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יצחק שמעון וואזנער שליט"א דומ"ץ וויליאמסבורג. **פתיחה ביי אנעים זמירות:** הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען די **ברית'ן**, פאר בן הנולד ביי ר' דוד צימענד הי"ו, און פאר בן הנולד ביי ר' יחיאל ברוך ברש"י שפיטצער הי"ו (מאנסי).

**עריכת שולחן הטהור יום שב"ק**

דער רבי שליט"א איז אריינגעקומען צום **טיש** 4:45. **יום זה מכובד:** הרה"ח ר' אליעזר פאזען הי"ו. **ברכת המזון:** הב' שמואל אברהם בן הרב יצחק בן הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א (השלמה פון זיין בר מצוה). דערנאך זענען די קינדער אריבער וואונטשן **לחיים.** בשעת לחיים האט מען **געזונגען** 'הרחמן הוא יזכנו'.

**ש"ץ לתפילת מנחה:** ר' פינחס בערגער הי"ו. ביים **ליינען האבן עולה געווען: כהן:** הרה"ח ר' בעריש ראזנבערג הי"ו, **לוי:** ר' יעקב יוסף בר"ה שפירא הי"ו, **שלישי:** ר' ברוך יששכר אונגער הי"ו (לאנדאן). **גלילה:** ר' שמואל מנחם סאמפאלינסקי הי"ו (סטעטן איילענד).

**עריכת שולחן הטהור שלש סעודות**

דער רבי שליט"א איז אריינגעקומען צום **טיש** 6:35. **הגבהת הכוס צו קידוש:** החתן יעקב יוסף טייטלבוים נ"י. דער רבי שליט"א האט פארגעזאגט די ערשטע חלק זמירות ווי געווענליך. דער רבי שליט"א האט געגעסן פיש. **יום ליבשה:** ר' אנשיל פעדער הי"ו. **הגבהת הכוס צו בענטשן:** הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א. **הרחמן למוהל:** הגה"צ דומ"ץ דקהלתינו שליט"א. מען האט געענדיגט של"ס 7:15.

## מוצש"ק פרשת דברים, תשעה באב:

מען האט זיך געשטעלט דאווענען **מעריב** 9:55. **ש"ץ לתפילת מעריב:** ר' יואל הערש שפיטצער הי"ו. ר' יוחנן פעלדמאן האט פארגעזאגט **איכה.**

דער רבי שליט"א איז פארבליבן דורכאויס די נאכט **בביתו נאוה קודש** אין ביהמ"ד הגדול.

## זונטאג פרשת ואתחנן, תשעה באב:

מען האט זיך געשטעלט דאווענען **שחרית** 9:35. **ש"ץ לתפילת שחרית:** ר' יואל הערש שפיטצער הי"ו. **ביים ליינען האבן עולה געווען: כהן:** הרה"ג ר' יושע כהן שליט"א, **לוי:** הרה"ג ר' אלכסנדר אוסטערליץ שליט"א מו"ץ, **שלישי ומפטיר:** כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א. **גלילה:** הרה"צ רבי יצחק שליט"א.

ר' יוחנן פעלדמאן הי"ו האט פארגעזאגט **קינות.**

נאך חצות היום איז דער רבי שליט"א אהיימגעפארן **לביתו נאוה קודש.** פאר **מנחה** איז דער רבי שליט"א צוריקגעקומען אין ביהמ"ד.

מען האט זיך געשטעלט דאווענען **מנחה** 6:55. **ש"ץ לתפילת מנחה:** ר' יואל הערש שפיטצער הי"ו. **ביים ליינען האבן עולה געווען: כהן:** ר' בנימין זאב דיאמאנט הי"ו (לאנדאן), **לוי:** ר' משה ברילובסקי הי"ו, **שלישי ומפטיר:** הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א. **גלילה:** החתן יעקב יוסף טייטלבוים נ"ו.

מען האט זיך געשטעלט דאווענען **מעריב** עטליכע מינוט נאכן זמן 9:40. **ש"ץ לתפילת מעריב:** ר' מרדכי גרינוואלד הי"ו. נאך **מעריב** איז דער רבי שליט"א ארויסגעקומען צו **הבדלה,** וואס איז פארגעקומען אויפן געווענליכן ארט, דרום זייט פון ביהמ"ד. **הגבהת הכוס:** הרה"צ רבי יצחק שליט"א.

נאך **מעריב** איז דער רבי שליט"א אריין אין שטוב טועם זיין, און עטליכע מינוט שפעטער 10:10 ארויסגעקומען צו **קידוש לבנה**































פארנט פון ביהמ"ד. ביים ענדיגן האט דער רבי שליט"א געוואונטשן **א גוט חודש** פאר דער גאנצער עולם צוזאמען. דער רבי שליט"א האט זיך אוועקגעזעצט צום **לקח ולחיים**, און הרה"ח ר' ביינוש משב"ק האט אנגעהויבן 'טובים מאורות'. דער רבי שליט"א האט געטיילט **לקח**, און געוואונטשן **לחיים** פארן רבינ'ס קינדער, און דערנאך געוואונטשן פאר דער גאנצער עולם **א גוטע חודש**, און אהיים **לביתו נאוה קודש**.



11:40 איז דער רבי שליט"א - ווי יאר יערליך מוצאי תשעה באב - ארויסגעפארן א וועג פון 20 מינוט, אויף א שפאציר מיט די בני המשפחה על שפת הנהר. מען האט פאר א לענגערע צייט פארברענגט און ארומגעשמועסט שיינע ענינים. 1:30 איז דער רבי שליט"א צוריק אנגעקומען אהיים לביתו נאוה קודש.

## מאנטאג פרשת ואתחנן, י' אב:

פארן דאווענען איז געווען דער **תפילין לייגן** פאר הב' ב"ר שלמה יחזקאל שפיטצער הי"ו (לעיקוואד), און פאר הב' ב"ר משה לעוויא הי"ו (בארא פארק).

**ביים ליינען האבן עולה געווען:** הב' ב"ר משה לעוויא הי"ו (בארא פארק - בר מצוה), ר' שלמה יחזקאל שפיטצער הי"ו (לעיקוואד), און ר' אהרן לונגער הי"ו. **גלילה:** ר' משה לעוויא הי"ו (בארא פארק).

נאכן פראווענען די בעלי שמחה האט דער רבי שליט"א איבערגעגעבן די '**חתן שמועס**' פאר די חתנים וואס האבן חתונה אין די קומענדיגע וואכן.

אויך איז געווען די **מסיבות לחיים** לרגל די שידוכים שליסן פון: החתן יושע ב"ר שמעון גרינבערג הי"ו, עב"ג בת ר' שלום צבי מאיר סופר הי"ו. החתן יוסף ב"ר מרדכי גאלדמינצער הי"ו, עב"ג בת ר' מרדכי יחזקאל פרידמאן הי"ו. החתן ב"ר בערל ווייס הי"ו (מאנטריאל), עב"ג בת ר' מרדכי יודא האלצלער הי"ו (בארא פארק).

בערך 2:00 איז דער רבי שליט"א געפארן צו ביתו נאוה קודש אין נייעק, און זיך צוריקגעקערט 7:00 נאכמיטאג **לביתו נאוה קודש**, און מען האט זיך באלד געשטעלט דאווענען **מנחה**.

## דינסטאג פרשת ואתחנן, י"א אב:

פארן דאווענען איז געווען דער **תפילין לייגן** פאר הב' ב"ר אהרן בר"מ פעדער הי"ו, הב' ב"ר יעקב יוסף בריד"ל ברוין הי"ו, און פאר הב' ב"ר אייזיק איילבוים הי"ו (בארא פארק).

פארנאכטס 9:00 איז פארגעקומען די פריוואטע משפחה **מסיבת אירוסין** אויפן אויבערשטע שטאק אין רבינ'ס הויז, לרגל דאס שידוך שליסן פון הכלה בת הרב יעקב יוסף בן האדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א חדב"ן, און איידעם ביי הרה"צ רבי יצחק שליט"א, מיט החתן הרב אברהם יושע העשיל בן האדמו"ר מסקווירא-גרינוויל שליט"א, איידעם ביי האדמו"ר מסקאליע שליט"א.

מען האט געזונגען עטליכע ניגוני שמחה: 'קול רנה', 'עוד ישמע', און 'בורא עולם בקנין'. דער רבי שליט"א האט טועם געווען פון די **לקח** און געטרונקען **וויין**, דערנאך געטיילט לקח פאר דער חתן און מחותנים און אנגעוואונטשן. מען האט ארומגעשמועסט איבער די יחוס המשפחה, און דער רבי שליט"א האט דערציילט סיפורים פון הרה"ק מלובלין זי"ע.

ביים ענדיגן האט דער רבי שליט"א געוואונטשן **מזל טוב** פאר די כלה, און דערנאך איבערגעגעבן די מתנה פארן חתן כנהוג, א **טאשן זייגער**.

10:55 איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען אינאיינעם מיטן חתן אין ביהמ"ד הגדול צום צענטראלע **מסיבת אירוסין**. מען האט געזונגען: 'קול רנה', 'זרעא חיא', און נאך א ניגון שמחה. אויך האט

מען געזונגען די שטאטע ניגון 'אנעים זמירות'.

דער רבי שליט"א האט טועם געווען פון די לקח, געטרונקען וויין, און געטיילט לקח פאר דער חתן און מחותנים, דערנאך אנגעוואונטשן **מזל טוב** מיט ברכות לרוב.

דער גאנצער עולם האט אינאיינעם געוואונטשן מזל טוב, און מען האט געזונגען: 'עוד ישמע', 'ה' עזי', און 'ועינינו תראינה'. דערנאך איז דער גאנצער עולם אריבער **וואונטשן מזל טוב** פאר די אויבנאן. 10:45 איז דער רבי שליט"א אהיימגעפארן לביתו נאוה קודש, און שפעטער האט מען זיך געשטעלט דאווענען מעריב.






UPDATE: 07/21/2025

100% גאראנטירטע
אינוועסטמענטס!

דוד זאבנער
845.587.7799
zabnerdavid@gmail.com

רופט אריין פאר אפציעס געאייגנט פאר אייך

אינוועסטירט
יעצט און
איינמאליגע
סומע פון

אינוועסטירט יעצט
$35,277
און באקומט צוריק
$81,647
Payment On 11/2039

אינוועסטירט יעצט
$53,280
און באקומט צוריק
$150,000
Payment On 3/2044

אינוועסטירט יעצט
$30,774
און באקומט צוריק
$55,605
$18,535 On 11/2030 $18,535 On 11/2035
$18,535 On 11/2040

אינוועסטירט יעצט
$52,706
און באקומט צוריק
$135,000
Payment On 03/2041

אינוועסטירט יעצט
$59,925
און באקומט צוריק
$156,828
$81,828 On 04/2039
$75,000 On 06/2044

אינוועסטירט יעצט
$99,313
און באקומט צוריק
$337,500
$75,000 On 07/2039 $100,000 On 07/2044
$112,500 On 07/2049 $50,000 On 07/2054

# געדענקט איין נומער:

# 0

בעזרת השם יתברך

# צו באקומען אין אייער לאקאלע גראסערי




כולל גראסערי | כל טוב | מעדנים | פיינעפל

# שיעורים בתשעה באב

**הרה"ח ר' חנינא ביסטאן שליט"א - ליל תשעה באב**







**הרב ר' ביינוש זילבערמאן שליט"א - תשעה באב נאכמיטאג**








## המשפיע הרב ר' שמעון שפיטצער שליט"א - יום תשעה באב נאך קינות











## הרה"ג ר' אלכסנדר אויסטערליץ שליט"א - כאר מנחה







## הרב ר' אפרים גריבוים שליט"א - נאך מנחה








# ויהי רצון שיתהפכו הימים האלו לששון ולשמחה

# אנ"ש זענען עוסק בלימוד התורה תשעה באב צופרי











## אוי, מה היה לנו - אמירת קינות אין ביהמ"ד הגדול ביום תשעה באב








# ראה זה חדש

## א בר מצוה מתנה
## אין געציילטע מי




דעטאלירטע
**'רשימת הספרים'**
צו זעהן אלע ספרים
און פרייזן מיט
א קלארקייט

**יעדע נאכט**
**פון 8:30 ביז 10:30**

**אדער רופט צו באשטעלן**
**845-362-1525 #3**



## ספעציעלע שענק שיין מסודר
## לויט אייער בודזשעט, לויט אייער געשמאק!



# מעמד 'איש מצליח' פאר נדיבי אנ"ש בארה"ק לרגל די התייסדות פון 'קרן מצהלות' שע"י מפעל מאמר מרדכי









די עלעגאנטע מעמד אנגעגרייט אויף א פראכטפולע פארנעם



הערליכע ארקעסטרע באגלייט מיט פרקי שירה דורך בארימטע בעלי מנגנים



ביים שרייבן קוויטלעך אויף די נאכגעמאכטע ציון
פון הרה"ק רבי מרדכי מקוזמיר זי"ע









ר' יוסף פעלדמאן ביים אויפטרעטן



ר' שלמה אייזנבערג ביים אויפטרעטן



ר' שלמה עלפער ביים אויפטרעטן



די נדבנים ביים מעמד





הערליכע אויבנאן מיט די דייני ונכבדי אנ"ש ובראשם הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א





הרה"צ ביים איבערגעבן א שמועס








דער ציבור בשעת די שמועס פון הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א















הרה"צ ביי חתימת שטרות מיט די נדבנים









ריקודים נאכן מעמד

# לכבוד ההילולא קדישא כ"א אב

בית המעיינות

יעדע נאכט

**פון 8:30 ביז 10:30**



## ערשטע וואך פון 'מחנה לעילא' אין ת"ת תולדות יעקב יוסף - לעיקוואד


















תורה





















Lease it
(845) 354-1234

Pick your Brand, Choose your Model.

Compact
Sudans
Minivans
SUV's
Cargo Vans
Trucks

WE LEASE IT!

NOW OFFERING
QUICK, CONVINIENT, MOBILE OIL CHANGES

Maintain it
BY: LEASEIT AUTO
845-354-1234

OFFICE@MAINTAINITAUTO.COM

# בילדער'לעך



הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א איז מנחם אבל ביי הגה"צ ר' געציל בערקאוויטש שליט"א דומ"ץ ק"י ובעל אגלי דבש ע"פ אחיו




הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א איז זיך משתתף אין בני ברק ביים אסיפה פאר ראשי הישיבות אנבלאנגט דעם גזירות גיוס בני הישיבות



הגה"צ ר' יוסף ישראל אייזנבערגער שליט"א דומ"ץ דקהלתינו ביים איבערגעבן א שיעור בהלכות תשעה באב



מעמד וועידת הנאמנים פאר עסקני אנ"ש בארה"ק אין בעפארבערייטונג צום ערשטמאליגן "מעמד איש מצליח" אינערהאלב מפעל מאמר מרדכי



כ"ק האדמו"ר מסקולען-מאנסי שליט"א באזוכט בבית הגה"צ דומ"ץ דקהלתינו שליט"א לקראת די מגבית לטובת מוסדות חסד לאברהם - בבית הדומ"ץ



געדרענג ליל תשעה באב נאך ברכו ביי די קראנען אין פאליש פון ביהמ"ד




הזמנת כבוד ארויסגעשיקט געווארן פאר די צוקונפטיגע תושבים אין קרית סקווירא לקראת שבת בצל כנפיך




טעלע-קאנפערענס פארופן דורך דער דיין שליט"א פאר די נשים צדקניות און כלות איבער דברים העומדים על הפרק



פולע קונטרסים פון די שיעורי תורה ליגן אין לאנדאן שטיבל צו מיטנעמען ביים פארן אויף 'האלידעיס'




מאיעסטעטישע מגבית טיש אין ביהמ"ד אהערגעשטעלט דורך ארגון בוני עולם



מזרח וואנט אין זיבעצען שטיבל פראכטפול פארענדיגט געווארן



לעגענדארע גבאי קופת עזרה ר' ישראל אברהם שפירא ביים פארטיילן ווי יאר יערליך די סדר פון מנחה אום תשעה באב

# מימי קדם

## עצרת תפלה והתעוררות לאור די שווער אנשטעקיגע 'סוויין פלו' מחלה - דינסטאג פרשת ואתחנן-נחמו, תשס"ט

'אסיפת תפילה והתעוררות' - פאררופן דורך הגאוה"צ חברי הבד"צ שליט"א, לאור די שווערע אנשטעקיגע 'סוויין פלו' מחלה, וואס דרייט זיך ארום אין די תקופה, און האט שוין ליידער געקאסט אסאך נפשות ה"י, אזוי אויך אין שטעטל, וואו צוויי מאנשי שלומינו זענען ליידער נפטר געווארן אין רעזולטאט פונעם פלו ה"י.

8:15 נאך תפילת מנחה ברוב עם, איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען אין ביהמ"ד צום מעמד. מען האט אינאיינעם געזאגט ספר שלישי שבתהלים, צום עמוד איז צוגעגאנגן הרה"ח ר' אנשיל שטיינער שליט"א ר"מ בישיבתינו הק', דערנאך האט מען געזאגט מיט גרויס התעוררות די יהי רצון מיט די י"ג מידות של רחמים.

עס האט אויפגעטרעטן מיט א דרשת התעוררות והתחזקות הגה"צ דומ"ץ דקהלתינו שליט"א, און מעורר געווען זיך מחזק צו זיין אין קביעות עיתים לתורה אויף א טעגליכע פארנעם, און אזוי אויך ארומגערעדט אז מ'זאל נזהר זיין נישט צו רעדן בשעת'ן דאווענען, און זיך מחזק זיין אין ענייני גמילות חסדים, אחדות, און צניעות.

דערנאך האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' אפרים וואקסמאן שליט"א ראש ישיבת מאור יצחק-מאנסי, וואס האט ארומגערעדט איבער די כלים משחיתים, בפרט איבער די סכנה פון 'טעקסט מעסעדזשעס'.



זקני אנ"ש ביים עצרת



תהלים: הרה"ח ר' אנשיל שטיינער



ביים מעורר זיין רחמי שמים





תושבי השיכון ביים עצרת



העסקן ר' שלום בער פישעל ביים אויבערטעט



דער דיין שליט"א ביים אויבערטעט



הרה"ג ר' אפרים וואסקמאן ר"י מאור יצחק
ביים אויבערטעט



דער אויבנאן ביים עצרת

15 | פרשת ואתחנן תשס"ט

# דער געשפרעך פון וואך



פו"ה ר' **שלומי אייזענבערג** הי"ו
ירושלים

## נייע צייטן
## מ'גייט נאך געלט אין א"י!



מיט צופרידנהייט טוט **מערכת אנ"ש** מעלדן איבער דעם עפענונג בסייעתא דשמיא פון נאך א פרישע און געשמאקע רובריק 'דער געשפרעך' להנאת ולרווחת אונזערע טויזנטע ליינערס.

שוין עטליכע יאר וואס אנשי שלומינו טוען זיך דערקוויקן דאס הארץ מיט די וועכנטליכע תמידין כסדרן'דיגע אנ"ש אויסגאבע, וואס איז געגרינדעט געווארן מיט דעם איינעם ציל צו 'דערציילן פאר **אנ"ש** וואס טוט זיך ביי **אנ"ש**', ווען יעדע פרייטאג טוען זיך די טויזנטע ליינער פארסמאקעווען איבער די הערליכע בילדער און נייעס'לעך וואס טוט זיך צווישן די סקווירער ווענט. בפרט אין די לעצטערע תקופה ווען די אויסגאבע איז בע"ה ארויף א שטאפל, ווען מ'האט אנגעהויבן אויסברייטערן דעם אנ"ש אויף עטליכע פראנטן.

אין 'דער געשפרעך' שורות וועלן מיר בעזר השם וועכנטליך אראפברענגען א קורצע געשמאקע און אינפארמאטיווער שמועס בענינים העומדים על הפרק און איבער אלעס און אלעם וואס טוט זיך אפ בין כותלי אנ"ש חסידי סקווירא.

אט גייען מיר אריין צום ערשטן שמועס מיט א תפילה צום בורא כל עולמים, אז מ'זאל זוכה זיין צוצושטעלן אינהאלטסרייכע באלערנדע שמועסן, און איבערהויפט אויף די ניוואו וואס פארלאנגט זיך פון א סקווירער אויסגאבע, להנאת כולו!

שטייענדיג נאך די ערשטמאליגע 'מסע השליחות' בראשות הרה"צ ר' יצחק שליט"א לטובת די הייליגע קאסע 'שקל הקודש', פילן מיר פאר א כבוד און א זכיה אנצוהייבן דעם נייעם רובריק 'דער געשפרעך' מיט א געשמאקן שמועס מיט אחד מאנ"ש בארץ הקודש מו"ה ר' **שלומי אייזענבערג הי"ו** צו הערן פון אים קורצע שטריכן וויאזוי ער זעט די הצלחה פון זיין קוק-ווינקל.

### א גוטן ר' שלמה צום אלעם ערשט לאמיר הערן וואו בארץ הקודש איר וואוינט?

געלויבט דעם אויבערשטן אז איך האב די זכיה צו זיין פון די מייסדים פון די נייע קהילה אין די נייע געגנט אין ירושלים וואס רופט זיך 'רמת שלמה' מיר האבן שוין ב"ה א מנין דריי תפילות יעדן איינציגן שבת!

### לאמיר גיין א טרעפל אויף צוריק, וויאזוי האט דער עולם אויפגענומען די ידיעה פון די 'מסע השליחות'?

פאר בערך א חודש צוריק ווען די שמועות האבן אנגעהויבן צו קומען אז שקל הקודש גייט קומען צאמנעמען געלט, האט מען עס אויפגענומען אזוי יעדעס מאל מ'הערט א נייע זאך... דער עולם איז געווען אומוויסנד, מ'האט נישט פארשטאנען צו וואו אהין מען צילט. אבער ווי מער די איינצלהייטן האבן

אנגעהויבן אריינצוקומען, האט עס דער עולם אויפגענומען מיט א גינסטיג אויג.

יעדער ווייסט וואס ס'שטייט אין די חסיד'ישע ספרים, אז די שטערקסטע וועג צו זיין מקושר צום צדיק איז דורכן געבן געלט. ממילא ווען דער עולם האט געהערט אז מ'קומט נישט אהער אויף אויסצוקוועטשן דעם עולם נאר פונקט פארקערט, מ'איז געקומען מיט א געשמאקייט און מסביר געווען פונקליך וואס מ'וויל, האט עס געגעבן א שטארקע פאזיטיווקייט!

בכלל האט דאס שיקן שליחי קודש אריינגעברענגט א געשמאקע אטמאספער ביים עולם, און מען האט ארויפגעקוקט אויף דעם לעכטיגן שבת מיט עקסטאז. דארפסט פארשטיין, נאך אלע מעשיות זענען אונז פון דערוויטנס און דא האבן אונז געפילט ווי דער רבי שליט"א נעמט אונז אריין אויף זיין ליסטע און איז אונז מקשר צו זיך, איז דאס געווען די גרעסטע פארגענוגען נאר שייך!

## וואס זענען געווען די עיקר שוועריקייטן פו־ נעם עולם?

די צוויי הויפט שוועריקייטן זענען געווען, קודם, אז רוב עולם דא זענען נישט די גרויסע עשירים, איז וואס וועט שוין אויפטון אונזערע פאר שקלים? אויסער דעם, ווען ס'קומען אזעלכע זמנים ווי שמחת תורה וועט דער רבי שליט"א ארויס העלפן די א"י'דיגע אידן מיט די שפעזן. שרייט זיך די קשיא, אנשטאט געבן און נעמען, געב נישט און נעם נישט?...

## וואס איז טאקע דער תירוץ?

לאמיר פראבירן אין קורצן מסביר צו זיין וואס די שליחים האבן מסביר געווען יעדער לפי דרכו. אויף די ערשטע קשיא איז דער עיקר תירוץ אז 'מ'איז געקומען מזכה זיין דעם עולם!'

דער רבי שליט"א זאגט אלעמאל 'אז קיינער איז נישט קיין שטיף-קינד', נישט קיין חילוק וואו מ'איז ווער מ'איז און אין וועלכע מצב מ'איז. און ווען דער רבי זאגט עס מיינט עס רוחניות און גשמיות. ממילא איז פשוט אז אויב דאס געבן געלט איז א זכות ווייל דורכדעם ווערט מען מקושר צום צדיק, איז נישטא אזא זאך אז ווייל איינעמ'ס מצב הכספי איז נישט די זעלבע ווי א צווייטנס זאל ער נישט האבן קיין חלק אין דעם.

איי, למעשה וואס העלפט שוין מיינע פאר גראשן? אויף דעם האט דער שליח קודש מו"ה ר' נפתלי לויבער הי"ו ארויסגעברענגט בשעת'ן ברייטע קידוש וואס איז געווארן צוגעשטעלט לכבוד דעם חשוב'ן גאסט. אז קרוב צו גאנצע זיבציג פראצענט פון די חודש'ליכע הוצאות פון שקל וואס קומט אן צו אויסטערנאמישע ציפערן, ווערט געדעקט דורך קלענערע נדבות, דייקא פון די וואס געבן די סכומים פון צוויי דריי טויזענט דאלער! ממילא, פארגעס נישט, אין א"י האבן אונז שוין עטליכע הונדערטע משפחות כ"י, און אז פרוטה פרוטה מצטרפת זענען אונז אויך בכלל.

## האסט דאך אבער גוט געפרעגט 'געב נישט און נעם נישט?'

קודם כל אזוויוי מ'האט פריער געשמועסט, ס'האט נישט קיין שום שייכות. אויב איינער דארף הילף, טוט מען וואס מ'דארף צו קענען העלפן.. אבער די סיבה פארוואס מ'בעט דאס געלט איז צו געבן א זכות אז יעדער זאל קענען האבן א חלק, ממילא איז עס ממש נישט קיין קשיא.

דא וועל איך צולייגן אן אייגענע נקודה וואס איך מיין ס'איז אמת לאמיתו. הרה"ח ר' אנשיל פעדער שליט"א – דער שליח קודש אין צענטראלע ביהמ"ד אין ירושלים האט מסביר געווען אז יעדע ביזנעס געבט און נעמט. דאס איז אבער ביזנעס'דיג גערעדט.

איך וויל זאגן אביסל אנדערש: 'דער עולם וועט אנהייבן געבן וועט מען דארפן ווייניגער צוקומען מיטן אויבערשטנ'ס הילף'! מ'האט אמאל געזאגט פאר הרה"ק מסאטמאר זצ"ל אויף געוויסע בתי מדרשים, אז פון אפאר וואכן פאר זיי מאכן אן אפיעל, לאזן זיי נישט אריין קיין שום פרעמדע אויף צאמנעמען געלט ווייל זיי ווילן אז ס'זאל בלייבן פאר זיי... האט סאטמאר רב געזאגט 'איך זאג פארקערט, אז יעדע שבת זאל זיין אן אפיעל ביי מיר אין ביהמ"ד, ווייל אז מ'וועט זיך אויסלערנען צו געבן וועט מען מיר געבן נאך מער!

דאס איז די מציאות, וואס מער מ'וועט מ'געבט אלס מער וועט – מיטן אויבערשטנ'ס הילף – זיין א געוואלדיגע שפע ביי יעדעם איינעם.

## א געשפאקע לעקציע אין צדקה! דער עולם האט זיך טאקע אנגערופן ווארעם?

הונדערט פראצענט! איך ווייס נישט וואס טוט זיך אין אנדערע שטיבלעך, אבער ביי אונז אין ירושלים האט דער עולם זיך משתתף געווען אויף א משונה'דיגע ווארעמע פארנעם! מ'קען זאגן אז כמעט יעדער בלי יוצא מן הכלל האט זיך משתתף געווען, און ס'קען גאר זיין אז 'יעדער איינער!' נאר איך בין נישט אינוואלווד ווייס איך נישט פונקליך. ממש יעדער האט זיך אויפגעשטעלט מיט ענוועלאפס און עס איבערגעגעבן פארן רבי'נס זון הרה"צ ר' יצחק שליט"א.

לויט ווי מ'הערט צוריק פון הונטער די קוליסן, איז עס געווען מיט א משונה'דיגע סוקסעס למעלה מן המשוער. סיי פון די קליינערע בעלי יכולת'ן און סיי פון די גרעסערע, יעדער האט זיך מורא'דיג אסאך אנגעשטרענגט, דאס איז בגשמיות און אפגערעגט ווען ס'קומט צו רוחניות!

די הנהלה פון שקל הקודש איז געקומען אביסל מיט די צוגאנג אז ס'גייט נישט זיין קיין גרויסע הכנסות, נאר האפנטליך וועט מיט די יארן אריינקומען מער און מער, אבער אויף אזא סוקסעס ראטע האבן זיי זיך נישט גערעכנט. איך גלייב אז ווען זיי וואלטן דאס געוואוסט וואלטן זיי שוין פון לאנג געקומען צו לויפן...

איך האב נאכגעהערט פון געוויסע שליחים וואס זענען אריין צום רבי'ן, ווי דער רבי איז דורכגעגאנגען שורה ביי שורה, געפרעגט צי ס'איז געווען אין דאלארן אדער שקל, און דער רבי האט ממש מפליא געווען וויפיל געלט ס'איז אריינגעקומען און ווי די יונגעלייט האבן זיך אנגעשטרענגט. 'אשרינו מה טוב חלקינו' אז אונז האבן זוכה געווען צו קענען האבן א חלק צו געבן אזא הרחבת הדעת פארן צדיק!

א גרויסן יישר כח ר' שלמה פאר די רייכע באריכט. דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן ס'זאל זיין זכותים פאר יעדעם איינעם מען זאל פועל'ן אלעס גוטס, אמן!

# זכרון להולכים



### דינסטאג דברים תשפ"ה

## הרה"ח ר' משה שמעון האפמאן ע"ה

### מחשובי אנ"ש אין וויליאמסבורג

48 יאר

**הרה"ח ר' משה שמעון האפמאן ע"ה** איז געווען א זון פון יבלחט"א **הרה"ח ר' פייוויל האפמאן הי"ו** בעל אכסניא פון כ"ק אדמו"ר שליט"א ומחשובי עסקני המוסדות אין וויליאמסבורג. ר' משה שמעון ע"ה איז געווען פון די חשובע תלמידי מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג, און זיינע חשובע קינדער באקומען ווייטער די ריינע און הייליגע חינוך אין אונזערע מוסדות הק' אין שטאט וויליאמסבורג.

דער חשובע נפטר איז געווען א טייערער איד וואס האט זוכה געווען אויפצוטון גאר אסאך אין זיין קורצן לעבן. זיין לעכטיגע שמייכל האט אויפגעלאכטן אסאך אידן דורכאויס די יארן, מיט זיינע לייסטונגען און פארשידענע פראיעקטן ארויסצוהעלפן כלל ישראל בליען און וואקסן, צו מיטן אוועקשטעלן א ישיבה מסגרת פאר עלטערע בחורים, ווי **דער רבי שליט"א** האט אליינס מעיד געווען ביים מנחם אבל זיין די משפחת האבלים, איבער די גוטע גריסן וואס קומען צוריק פון זיינע לייסטונגען מיט די ישיבה בחורים. אזוי אויך האט ער אויפגעטון פארשידענע פעולות נשגבות מיט זיין ווארעמע הארץ זייענדיג מחזק צעבראכענע נשמות, אפילו ווען זיין אייגענע מצב איז געווען ביטער שווער. ער איז נפטר געווארן אין א יונגן עלטער, נאכן זיך מוטשענען מיט די ביטערע מחלה ה"י. ביים לויה דא אין שטעטל האט זיך אנגעזעגנט א ריזן ציבור מאנ"ש און גוטע פריינט – טראץ די שלאקס רעגן – **בראשות בני כ"ק אדמו"ר שליט"א**, ווי ער איז געקומען לקבורה אויפן בית החיים דפק"ק.

הרה"צ רבי יצחק שליט"א איז ארויסגעפארן קיין וויליאמסבורג בימי השבעה עקסטערע מנחם צו זיין די חשובע משפחה, נאך די שווערע אבידה.


Pointele
BABY + GIFTS
SUPER SQUARE CENTER
20 MEZRITCH ROAD NEW SQUARE, NY
845.362.3311

YOUR BUSINESS & COMMERCIAL INSURANCE CONSULTANTS
SAFESIDE
INSURANCE
SAFE. SECURE. DONE.
845.364.0000 • info@safesideins.com • www.safesideins.com
EXCEEDING EXPECTATIONS FOR OVER 18 YEARS

SKVER EXPO
סקווירא עקספא

# לכו והתבנסו
# זה מזה!

## אנ״ש ביזנעס שמועסן

מיט אונזערע

## היימישע עקזיביטערס



ביים מוצלח'דיגן

# סקווירא עקספאו

# די פאזעטיווע רעזולטאטן

## פונעם מוצלח'דיגן עקספאו

# ווייטער אין גאנג!



## אנ"ש 'עקזיביטערס'

# פלאטפארמע!

מען האלט שוין טאקע א צייט אפשניט פון קרוב צו צען חדשים פונעם מוצלח'דיגן און ערשטמאליגן **סקווירער ביזנעס עקספאו**, אבער די פאזעטיווע אנטוויקלונגען וואקסן כסדר מער און מער, דורך די צענדליגע פרישע ביזנעס קאנטאקטן וואס מ'האט אנגעקניפט דורכאויס דעם עקספאו זעלבסט, ווי אויך מיט פארשידענע געלונגענע מאטיוון וואס זענען צוגעשטעלט געווארן לטובת אנ"ש חסידי סקווירא דורך **הנהלת העסקפאו** שע"י 'קהל צמח דוד', ווען מ'האט אין די לעצטערע חדשים געברענגט עטליכע גאר אינפארמאטיווע סעסיעס איבער די וויכטיגע טעמעס: צו נוצן די געלטער אויף א ריכטיגער און אויסגעהאלטענער וועג, ווי אויך וויאזוי מ'קען אוועקלייגן געלט אויף חתונה מאכן קינדער אא"וו, ועוד ידם נטויה צוצולייגן נאך א רייע מיט סערוויסעס להנאת הציבור.

אצינד קומען די עסקני העקספאו ארויס צום ברייטן ציבור מיט א פרישע רינגעלע אין די הערליכע קייט פון אויפבויען אונזערע היימישע בעלי מסחר, דורכן מפרסם זיין אין די שפאלטענעס פונעם פאפולערער וועכנטליכער **אנ"ש אויסגאבע**, קורצע אינהאלטסרייכע שמועסן מיט די פילע ביזנעסער און פירמעס מאנ"ש, וועלכע האבן זיך באטייליגט ביים היסטארישן ביזנעס עקספאו פון אנשי שלומינו, צו באקומען פון זיי א קורצער אריינבליק איבער די סערוויסעס פון זייער פירמע, ווען מ'האפט בס"ד וואך נאך וואך צו קומען מיט אט-די הערליכע ביזנעס-שמועסן און אזוי ארום זיך באקענען פונדערנאנט איינער מיטן צווייטן און מקיים זיין דעם לכו והתפרנסו זה מזה.

מיר הייבן אן דעם סעריע מיט אונזער אלעמען באקאנטן **מוה"ר יצחק קופפערמאן הי"ו** – מבעלי **ניו סקווירא פיש**, וואס פירט אן דעם פיש סטאר אין שטעטל פאר צענדליגע יארן, ווי מיר האלטן אפ דעם שמועס מיט בנו **מוה"ר חיים שמואל הי"ו**, דער געניטער מענעדשער. מיר הערן פון אים איבער זיין ביזנעס קאריע די לעצטערע יארן, ווי ער טיילט מיט זיינע פילע סערוויסעס, און מיט וואס זיין פירמע צייכנט זיך אויס, און אט ברענגען מיר אייך דעם 'ערשטן שמועס', און אי"ה צום ווידערזען קומענדיגע וואך מיטן קומענדיגן שמועס.

צו באשטעלן אייער ביזנעס שמועס אין די ראמען פון אנ"ש, אדער פאר סיי וועלכע הערה והארה אין דעם געביט, רופט **מו"ה אלי' חיים איצקאוויטש שי'** אויף 845.323.2722 און הערט די פארשידענע אפציעס וויאזוי מ'קען אויסשטעלן דעם שמועס און די בילדער, ווי מ'וועט אייך בע"ה צופרידנשטעלן לויט אייער געברויך.

## ליינט און האט הנאה!



**אייגנטומער:**
ר' יצחק קופפערמאן

# פירמע:
# New Square Fish Market

**יארן אין ביזנעס:** 65. ביזנעס געגרינדעט געווארן דורך **הרה"ח ר' אלחנן קופפערמאן ע"ה**, ממש אין די בראשית יארן פונעם שטעטל, בעידודו פון כ"ק מרן רבינו זי"ע.

**שמועס מיט: ר' חיים קופפערמאן – מענעדזשער.**

## וועלכע פראדוקטן טוט איר פארקויפן?

מיר פארקויפן אלע ערליי רויע, רעדי-טו-בעיק און געקאכטע פיש. מיר פארקויפן עס סיי לאקאל אין אונזער געשעפט, און סיי פאר האולסעיל פאר אנדערע געשעפטן און קעיטערונג פירמעס וועלכע קויפן גרויסע קוואנטומס פיש.

מיר פארקויפן אויך א רייע פון געשמאקע פראדוקטן צום ביישפיל כל מיני הערינגס, קיורד פיש, פלעטערס פון ספרעדס א שטייגער ווי טונא, ווי אויך אלגעמיינע פיש פלעטערס, קיורד פיש פלעטערס א.א.וו. פון יעדע זאך וואס מיר פארקויפן איז דא א אויסוואל פון עטליכע סארט. מיר פארקויפן אויך אונזער אייגענע געשמאקע קושקע.

אגב, אונזערע אלע דיפס און אפעטייזונג איז בלויז פון 'נאטורליכע' באשטאנדטיילן. מיר לייגן נישט אריין קיין שום פערזערוויטיווס און קעמיקאלן. צו פארזיכערן די בעסטע געשמאק אין טעם פאר אונזערע קאסטומערס.

## מיט וואס צייכנט זיך אייער פירמע אויס?

נומער איינס פארשטייט זיך די גאר שטרענגע הויכע סטאנדארט אין 'כשרות' פונעם בארימטן סקווירער הכשר. אנשי שלומינו טראסטן און וויסן אז אין א אידישע שטוב קומט נאר אריין מאכלים מיטן שטרענגסטן הכשר.

אזוי אויך איז ווערד ארויסצוהייבן אונזער איבערגעגעבענע 'קאסטומער סערוויס' פאר אונזערע קליענטן בסייעתא דשמיא, ווי אונזער קאסטומערס זענען כסדר מעיד דערויף. און צוגאב שטייען מיר זייער אויף קוואליטי און פרישקייט. אלע אונזערע פיש קומט דירעקט פון וואס עס ווערט געכאפט, עס גייט אריבער ממש בלויז א קורצע צייט פון ווען די פיש ווערן געכאפט ביז עס קומט אן צו אונז אין געשעפט. וואס איז א זעלטענהייט אין די פיש אינדוסטריע.

## וועלכע 'ספעציעלע' סערוויס ברענגט אייערע קאסטומערס?

צוערשט אונזער איבערגעגעבנע קאסטומער סערוויס ווי אויבנדערמאנט. ווי אויך געבן מיר א 10% דיסקאונט אויפן פיש ארדער פאר שטענדיגע קאסטומערס, אזוי ארום געניסן אונזערע צופרידענע קאסטומערס פון די בעסטע עפארדעבל פרייזן פאר פיש.

אויך האבן מיר א ספעציעלער סערוויס וואס בעלי שמחה בענטשן אונז דערפאר! דהיינו, אז ווען א קאסטומער מאכט א שמחה: באווארפן; שבע ברכות וכדומה, וועלן מיר נאכן באשטעלן די פיש ארדער, אפקאכן זייער פיש ארדער רעדי צו סערווירן בעת די שמחה (!) דאס געבן מיר געוצליך 'אומזינסט' אן קיין עקסטערע אפצאל, ספעציעל לכבוד אונזער קאסטומערס שמחה, וואס דאס געבט פארן איבערגעשטרענגטן מחותנת'סטע קאפ אן עקסטערע מנוחת הנפש.

נאך א זאך וואס אונזערע קאסטומערס גלייכן שטארק, איז די וועכענטליכע 'ספעשילס' אויף א געוויסע סארט פיש אדער דיפ.

## ביטע געבט איבער אן אינטערסאנטע קרישקעלע פון אייער ביזנעס:

דאס מערסטע וואס מיר ווערן געפרעגט פון מענטשן איז, איבער די באקאנטע מעשה ביי אונז אין געשעפט איבער די פיש וואס האט גערעדט...

עס איז אינטערסאנט אנצומערקן, אז קאסטומערס קענען צומאל זאגן, אז ערגעץ אנדערש קען מען קויפן פיש פאר ביליגערע פרייזן, אבער למעשה קומען זיי שפעטער צוריק צו אונז, קודם כל צוליב די קוואליטי וואס איז פיל בעסער, און דערנאך ווערן זיי געוואויר אז זיי האבן גאר איבערגעצאלט... צוליב דעם וואס די ביליגערע פיש איז נישט געשניטן און געקלינט געהעריג, דאס מיינט אז מען באצאלט אויך פאר די חלקים פון די פיש וואס גייט אין גארבידזש, דעריבער דארפן זיי קויפן מער פיש. אזוי אויך ווערט מען געטשארדזשט מער פאר די דעליווערי און די קרעדיט קארדס. ביי אונז צאלט מען ברוך ה' פאר 'פיש' זעלבסט!




פיש וואס רעדט
ווערטער...
10%
APSTONE










10 ADAMS LANE
FISH MARKET


FISH MARKET

# קלאסיפיידס

**אנטיק ספרים**
האט איר אנטיק ספרים וכדומה פארקויפט
עס אויף אונזערע אוקשען
**באקומט 100% פון די רווח!!!**
**3547587**@gmail.com

---

pre חדר boys class forming for the months of אלול and תשרי
in the buchanan area
for more details call **845-274-8533**

---

English Writing & Translating
פראפעסיאנעלע ענגליש שרייבער מיט לאנגע יארן ערפארונג
אויך טייטשן אידיש אדער לשון קודש אויף ענגליש
גרייט אויפצונעמען גרעסערע ארבייט. 845.213.5015

---

**Time & Task Management telecourse**
**דורכ'ן בארימטן עקספערט**
**הרב יקותיאל יודא שפוטץ - יו"ר מכון להצליח**
**845.335.3900,2**

---

**Pro Call**
**Phone repair**
**845-pro call**
776-2255
**משה אייזענבערגער - משה פישער**

---

**- בינדן סופליס -**
**טעיפ / שטריק / ביט / נידעל**
**17** Stern st. **- ראזענפעלד**
**845.362.0513**

---

**For All Your Server Needs**
**Linux | Windows | Cloud**
**Setup • Monitoring • Maintenance**
**845-499-0844 בנימין זאב אייזנהאן**

---

**Bookkeeping**
inline books
**מיט מערערע יארן** experience **איז יעצט גרייט אנצונעמען**
**נאך עטליכע אקאונטס רופט נפתלי ביסטען 845-444-8450**

---

nice women's office desk available
Jackson area
please call **845-828-2441**

---

**Care 925**
**Care for all your silverware - With the right Care!**
Lacquering - Repairs - Polishing - Buying old silver -
Laser or Hand engraving.
**ספעציעלע דיסקאונט פאר קדשינו מזוזות**
**845-579-0039 - q5790039@gmail.com**

---

Forever stamps a roll of **100** for **45$**
Please call **845-422-5272**

---

Balloons for all occasions!
**845-494-1429 :רופט בריעזל**

---

**ספיקער רענטל פאר גאר ביליג**
מיר פאדינגען ספיקער'ס QSC K12.2 פאר $35
דעליווערי אוועילעבל
**845-428-1673**

---

זוכט איר א פראפעסיאנאלע בינדער פאר א
ביליגע פרייז? **רופט 845-426-0424**

---

**אפיס צו פארדינגען**
הערליכע רחבות'דיגע אפיס צו פארדינגען גאר
נאנט צום ביהמ"ד הגדול רופט: 845.533.9344

---

**מאכט אייך גרינגער דאס פאסטן.**
**הונדערטער האבן שוין געזען גוטע רעזולטאטן דורך זיך צוגרייטן**
**מיטן נעמען** Forever Bee Pollen **עטליכע טעג בעפאר.**
**רופט שוין 914-984-3878**

---

furnished **4 1/2** room apt by the week day weekend hot
plate pirklater washer dryer towels linen include
please call **845-596-6900**

Get your dream album.Choson Kallah, Baby, and Chasunah albums. OR JUST BECAUSE!
T. Wosner
**845-213-6246**

**מיר ברענגען אייך צוריק פארלוירענע** data **פון**
SD / USB / Hard Drive
**רופט 845.293.3309**

**א בריוו מיט געפיל**
איר ווילט געבן א מתנה פאר א חבר,
**געדענק! די עיקר איז די צעטיל וואס קומט מיט!**
מיר נעמען אן ארויסצובערענגן אייער געפיל אין א שיינע שפראך אדער און א פאו"ם
**שמואל אשר ישעי' שפירא 845-548-0079**

**שרייב ארבעט**
מיר ספעציאליזירן זיך אין אלע סארט שרייב ארבייט גרייז-פארריכטן, סקריפט שרייבן, איבערטייטשן און משמח זיין, אין יעדע געלעגנהייט
**מנשה לוסטיג 845.499.4553**

**האט איר אסאך צעטלעך וואס דארף ווערן זייער שנעל גוט אפגעטייפט?**
**האט איר אסאך דרשות וואס עס דארף ווערן פון דעם א קונטרס/ספר?**
**פארצייכנט אייך די נאמבער 845-640-0030**
intltypist@gmail.com

Think in advance
Get your freezer stocked for Yom Tov by an experienced Heimisha cook!
Please call **845.641.7118**

**א גרויסע בעיסמענט איז אוועליבעל צו דינגען אין א פריוואטע לאקאציע**
**געאייניגט פאר סטארעדזש אדער אויפבויען אפיסעס / שטוב פאר גרופ'ס וכד'**
**ביטע רופט און לאזט א מעסעדזש**
**(845) 288-4727**

We're also servicing the **Brooklyn & NJ** areas
**VIP COLLISION**
WHERE VIP IS STANDARD
109 Rt. 59 (Cor 59 & Saddle River Rd) Monsey, NY
מרדכי שלמה אפטער
Cell: **845.608.1989**
Office: **845.352.8118** | info@vipcollisionny.com

**FIRST LOANS**
**CHANINA WOLODARSKY**
**O:** 201.649.8111 X120
**C:** 845.587.2911
1109 McDonald Ave
Brooklyn, NY 11230
chanina@firstloanscap.com
**www.firstloanscapital.com**

# 2 שטוביגע דירה צו פארדינגען
## צוויי שטוביגע דירה (קאך/שלאף שטוב) ווערט יעצט עוועליבעל נאנט צום ביהמ"ד
## געאייגנט צו דינגען פאר לאנג/קורץ טערמין
## פאראינטערסירטע רופט:
## 845.293.2834

# פרשת ואתחנן

## נייע דרשות

**1094#**
**האדמו"ר מוויזניץ מאנטריאל**
לבחורי ישי"ק במחנה תוי"י לאנטיער

**1096#**
**הרה"ג ר' אברהם יצחק לונגער דומ"ץ**
**בעיטס מאנסי**
בלייוו קאנפרענס כי אם לשמוע

**1097#**
**הגה"צ דומ"ץ דקהילתינו שליט"א**
בלייוו קאנפרענס כי אם לשמוע

**1098#**
**הרב מרדכי גאלדמאן**
דברי קינה ונהי - ב"ב שטיבל

**1099#**
**הרה"ג ר' יעקב יוסף פאל דומ"ץ ביתר**
עניני החורבן

**1100#**
**הרב מאיר נתן לעווין**
**בשטיבל בלאנדאן**
טאג בוך מהטורקער רב זצ"ל בשנות הזעם

**1101#**
**הרה"ג ר' יעקב יוסף פאל דומ"ץ ביתר**
היסטורי' מהרוגי ביתר

**1102#**
**הרב חנינא ביסטאן**
ציפית לישועה

**1103#**
**הרב שמעון שפיטצער**
פנימיות'דיגע אהבת ישראל בויעט דעם ביהמ"ק

**1104#**
**הרב שמעון אויסטערליץ**
**בשטיבל בלאנדאן**
נחמות ירושלים בימינו

**1105#**
**הרה"ג ר' אלכסנדר אויסטערליץ**
ווען קומט משיח?

**# 1106**
**הרב אפרים גרינבוים**
ימי המלחמה בהצדיקים עם חסידיהם

**1107#**
**הרב ביינוש זילבערמאן**
ערשטע הונדערט יאר נאכן חורבן בית שני

**1108#**
**הרב יעקב יוסף שווארץ בדזשעקסאן שטיבל**
הלכה בידוע שעשו שונא ליעקב

**1109#**
**הרב משה יצחק ברייער ברידש שטיבל**
זיך צוריק קערן קיין ארץ ישראל

6,2

---

חיזוק געדאנק על הפרשה:
הרב אברהם יצחק האלצלער

**423#**
שבת נחמו, בת"ב נולד משיח, אבער ווען גייט ער קומען?

2,4,5

---

## לכו נרננה לה' נריעה לצור ישעינו!

**קבלת שבת נוסח סקווירא**
הערליך אראפגעזינגען בקול נעים דורך
**הרב יוסף גליק הי"ו פון שבת-סטודיא**

ביים ספעציעלן אפטיילונג
**נוסחאות הקודש**
אויף

**8,1,9**

---

## ווענכטליכע ניגונים אפטיילונג

**420#**
תנועה פון הרה"ק בעל מאור ישראל פון סקולען זצ"ל - ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום

**421#**
הרה"ח ר' ישעי' אונגער ז"ל משב"ק
**קול דודי הנה זה בא**

**422#**
**פרייליכע באיאנער ניגון**
נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם

**423#**
**הוא אלוקינו**
הרב יעקב יוסף בוקסבוים

8,2,7

---

# חדשות בקול התורה

קול התורה סקווירא

1 דברות קודש
2 פרשת השבוע
3 משנה גמרא
4 הלכה
5 ספרי חסידות
6 דרשות ועניני שונים
8 ניגונים שידור חי
9 מערכת אפטיילונג

# שמחות אנ"ש

## שמחת לידת הבן למז"ט

**הרב יצחק בן הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א**
**וחתן כ"ק האדמו"ר מביקסאד שליט"א**

ר' **חיים יושע בידערמאן** הי"ו בארא פארק
בן ר' אליעזר הי"ו בארא פארק
וחתן ר' מנחם שאול איצקאוויטש הי"ו בארא פארק

ר' **יעקב צימענד** הי"ו
בן ר' נחמן הי"ו
וחתן ר' משולם פעלבערבוים הי"ו

ר' **שלמה בראנסדארפער** הי"ו בארא פארק
בן ר' יעקב יוסף הי"ו בארא פארק
וחתן ר' אברהם שמואל ליכטענשטאטער הי"ו בארא פארק

ר' **שלום דוד פריעזעל** הי"ו מאנטשעסטער
בן הרה"ג ר' יחזקאל שליט"א דומ"ץ לאנדאן

ר' **ישראל מרדכי בוקסבוים** הי"ו מאנטריאל
בן ר' חיים מאיר הי"ו בני ברק
וחתן ר' מרדכי זילבער הי"ו מאנטריאל

ר' **אהרן דאנציגער** הי"ו מאנסי
בן ר' יעקב יוסף בר"א הי"ו
וחתן ר' אלימלך זאב גלאנץ הי"ו מאנסי

## שמחת לידת הבת למז"ט

**הרב יצחק יוסף גאלדמאן**
**בן כ"ק האדמו"ר מזוועהיל שליט"א**
**וחתן הרה"צ ר' ישראל אברהם אלטיר קרויז שליט"א**

ר' **יודל קויפמאן** הי"ומאנסי
בן ר' ישעי' הי"ו מאנסי
וחתן ר' בנציון גרובער הי"ו

ר' **דוד פעדער** הי"ו וויליאמסבורג
בן ר' יעקב יוסף הי"ו וויליאמסבורג

ר' **שמעון חיים אונגאר** הי"ו
בן ר' אברהם צבי הי"ו
וחתן ר' אנשיל שטיינער הי"ו

ר' **ליפא ביסטאן** הי"ו
בן ר' שמואל מרדכי הי"ו
וחתן ר' זאב לויבער הי"ו

ר' **ישעי' אוסטערליץ** הי"ו לאנדאן
בן ר' יודל הי"ו ירושלים

ר' **בינמין סיגלער** הי"ו
בן ר' שמואל זאנוויל הי"ו
וחתן ר' מרדכי יודא האלצלער הי"ו

ר' **משה לונגער** הי"ו
בן ר' יצחק דוד יודא הי"ו
וחתן ר' מרדכי ברא"פ גרין הי"ו

## שמחת אירוסין למז"ט

החתן **חנינא** ני"ו
ב"ר **יעקב יוסף גאלדמאן** הי"ו
עב"ג הכלה ב"ר **יעקב שמשון מארך** הי"ו לעיקוואד
**שדכן: משפחת הרב אברהם צבי טווערסקי שליט"א**

החתן **יושע** ני"ו
ב"ר **שמעון גרינבערג** הי"ו
עב"ג הכלה ב"ר **שלום צבי איר סופר** הי"ו
**שדכן: משפחת הרב אברהם צבי טווערסקי שליט"א**

החתן **יוסף** ני"ו
ב"ר **מרדכי גאלדמינצער** הי"ו
עב"ג הכלה ב"ר **מרדכי יחזקאל פרידמאן** הי"ו
**שדכן: ר' אהרן ברי"ח פרידמאן הי"ו**

החתן **משה טובי'** ני"ו
ב"ר **חיים חייקל קענטאר** הי"ו לאנדאן

AF
ATERES FREIDA
עטרת פריידא
WEDDING HALL

קומט צו אייער שמחה ווי א **מלך!**
**צו רעזערווירן רופט:**
**845.826.4236**

# מעשינו פעלת לנו

**מ**ברכים בכל לשון ממעמקי הלבבות ומאחלים כל הקהל בשיר ורננים
**ש**יר ושבחה לרגל השמחה הגדולה במעון ידידנו הנכבד במאור פנים
**ה**גיע הזמן ונכנס בן יקיר הנחמד לעול תורה ומצוות בברית איתנים
**ל**עת כזאת יתעורר כח זקנו **הרמ"ל מסאסוב** זי"ע ויו"ח עליהם נשענים
**י**דיו רב לו שיעסקו ב"**נועם אלימלך**" בלשון **אידיש** בפירושים מהוגנים
**י**ום יום מתענגים רבים בדבריו הק' והכל בזכות רכישתו מבחר הקנינים
**ב**חפץ לב נדב הוצאות הספר לזיכוי רבים בחסידות מאירה כל השנים

**ה"ה ידידנו היקר הנדיב הדגול אוהב צדקות, בכל לב ונפש תומך**
**דברי תורה המתוקות, מעשי חסד וזכיות רבות בידיו מחובקות,**
**נהנים ממנו מקומות קרובות ורחוקות, כש"ת**

## מוה"ר משה לייב פישל הי"ו

פטרון ספרי הקודש נועם אלימלך – אידיש טייטש

**מהדורת ברוך אברהם**

ברכת מזלא טבא וגדיא יאה לרגל שמחת הנחת תפלין

לבנו היקר

## כמר אהרן דוד נ"י

**פ**ינו יביע בזאת ההזדמנות תפלה ורוב ברכה
**י**מים של תענוגים ורוב נחת תרווה בהמשכה
**ש**יגינו זכות הצדיקים לבני חיי ומזוני בהרווחה
**ל**אורך ימים ושנים טובים יהי' הכל בהצלחה

המברכים מכל לב:
**שמואל איצקאוויטש**
**בשם הנהלת מפעל מעיינות החסידות**
ובשם אלפי הלומדים

גם אני מצטרף בברכה ובחיבה:
**אלי' חיים איצקאוויטש**

